בס"ד

# ירושלים'ער
# אנטוויקלונגען

## 10 יאר אויפטוהען

פון הרה"ח ר' שמואל זאנוויל פאגעל שליט"א








ירושלים'ער כולל
מצוינים
ויואל משה
ד'סאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
אלקא דרבי מאיר עננו



# ותומכי׳ מאושר

דער כח התורה דרבים וואס גייט
ארויס פון אונזער כולל אין ירושלים
איז אין לשער

צוליב אונזער אויסנאמליכער שווערער
מצב זענען מיר היי-יאר אנגעוויזן אויף פיל
גרעסערע שטיצע ווי ביז היינט

**נא ונא, שליסט אייך**
**אן אפצוקויפן לכה״פ**
**דעם דערמאנטן זכות**

ובזכות זה וועט איר
געהאלפן ווערן מיט כל מיני ברכות

# ואלקא דמאיר עננו

פאר בלויז

## $250

קענט איר אפקויפן דעם זכות

## תומך הכולל



ירושלים׳ער כולל
מצוינים
ויואל משה
ד׳סאטמאר
בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א
אלקא דרבי מאיר עננו

**יערליכע אקציע**
**א׳ תולדות • ביהמ״ד בית חי״ל - בנין הילמאן**

# אריינפיר:

ווען ס'בויט זיך א קהלה, גייט עס געוועגטליך צו מיט גראנדיעזע פלענער. מען זיצט מיטונגען, און מען פלאנירט וואס מען דארף דאס ערשטע טאן אז די זאך זאל געקרוינט ווערן מיט הצלחה. און אז מען האט גרויס סיעתא דשמיא, ווערט זיבעציג פראצענט פון די פלענער פארווירקליכט. און דאן באצייכנט מען עס אלס א "סוקסעס". (פון הונדערט פראצענט פארוויקליכונג, טראכט קיינער נישט. ס'ממש נישט במציאות).

ווער שמועסט נאך אויב מען בויעט א קהלה, און אין דער זעלבער צייט אויך מוסדות, דאן זענען די פלענער פיל פאכיג מער, די מיטונגען זענען נאכאנאנדיגע. און דאן דארף מען שוין צוקומען צו א פיל גרעסערן מאס סיעתא דשמיא אז כאטש זעכציג פראצענט פון די פלענער זאלן פארווירקליכט ווערן. און אויב עס געלונגט אז די זעכציג פראצענט ווערט א פאקט, באצייכנט מען עס אלס 'אויסטערלישע סוקסעס'.

על אחת כמה וכמה, אויב מען בויעט א קהלה מיט מוסדות, און דערצו בויעט מען אויך א שיכון. דאן זענען די פלענער גראנדיעז, די מיטונגען ציען זיך אריין ביז שפעט בייגאכט, און גייען אן פאר לאנגע שעה'ן אן קיין אויפהער. עס שניידט אריין איין מיטונג אין די אנדערע. און דאן דארף מען שוין האבן א באזונדערע זכות און סיעתא דשמיא אז כאטש פופציג פראצענט פון די פלענער זאלן צושטאנד קומען. און ווי עס זאל נישט זיין, וועט עס סיי ווי סיי באצייכנט ווערן אלס סוקסעס, ווייל אנפירנדיג אזא ריזיגע אונטערנעמונג, איז יעדע הצלחה, א געוואלדיגע סוקסעס.

דאס איז "געוועגטליך". וואס טוט זיך אבער ווען עס איז א מצב פון "אויסער-געוועגטליך?".

"געוועגטליך" מיינט: מען נעמט זיך בויען אדער א קהלה, אדער מוסדות, אדער א שיכון, און מען מאכט פלענער ווי אזוי דאס דארף צוגיין. "אויסער-געוועגטליך" מיינט: ווען מען נעמט זיך בויען א קהלה, מיט מוסדות, מיט א שיכון, און קיין פלענער זענען נישטא.

פארוואס טאקע זענען נישטא קיין פלענער? ווייל דער ציל פון די בויער איז נישט צו בויען א מלוכה, כדי צו האבן מיט וואס צו שטאלצירן און ווייזן: "קוקט אן וואס מיר זענען און ווי גוט מיר טויגן!!". דער ציל פון די בויער איז נישט למען הרבות לו כבוד ויקר. נאר למען הרבות כבוד שמים. און דאס פאסירט ווען עס נעמען זיך צוזאמען א הייפעלע אידן, יראי ה' וחושבי שמו, וואס ווילן אך ורק איין זאך: האבן א ווינקל וואו צו דינען דעם באשעפער. האבן א ווינקל וואו צו קענען לערנען אומגעשטערט. אן קיין דערדריקונג און שאנטאזש. האבן א שול וואו צו דאווענען אן קיין שטער, אן קיין חשבונות. האבן א תלמוד תורה וואו מען זאל מיינע קינדער מחנך זיין לתורה ויראת שמים, אן קיין אויסמישונג פון פאליטיק.

ווען עס האלט ביי דעם, איז נישטא קיין פלענער, נישטא קיין מיטונגען, עס איז דא בלויז איין זאך: טאן און טאן און נאך אמאל טאן. עשיה לשם עשיה, ולשם שמים.

אין אזא מצב פון "אויסערגעוועגטליך" האבן מיר זיך געפינען אין די לעצטע צען יאר.

יא, מיר שטייען היינט אין צענטן יאר זינט מיר האבן ווערן אלס "אויסערגעוועגטליך", און ב"ה, הודו לשם חסדו, אז מיר קענען זאגן, אז מען האט מצליח געווען, למעלה מן המשוער. כאטש מיר קענען נישט זאגן אז עס איז צושטאנד געקומען און פארווירקליכט געווארן מער ווי אכציג פראצענט פון די פלענער, ווייל....

ווייל קיין פלענער האבן מיר - באמת - נישט געהאט.

מיר קענען זאגן מיט א פול מויל, אז אונזערע מוסדות הקדושים, דאס בית המדרש, דער כולל, די שיכון - וואס האט זיך איצט אן-געהויבן צו בויען בעזר השם - די תלמוד תורה, די ישיבה קטנה, זענען געבויעט געווארן נאך איידער מיר האבן געהאט צייט צו מאכן סיי וועלכע פלענער.

ווי אזוי האט זיך דאס אנגעהויבן.

ירושלים'ער כולל
מצוינים
ויואל משה
ד'סאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
אלקא דרבי מאיר עננו

## נישט קיין מנין, און נישט קיין "מזומן"..

אנגעהויבן האט זיך עס, חודש אדר תש"ס לפ"ק, גענויער: א זונטאג נאך שבת שקלים תש"ס, ווען עטליכע בני החבורה האבן פארלוירן זייער מקום תורה וואו זיי האבן געלערנט בהתמדה רבה. פון איין טאג אויפן אנדערן האט מען זיי איינגעמאלדן אז זיי האבן מער נישט קיין מקום תורה.

וואס טוען בני תורה, שנפשם חשקה בתורה, אין אזא צייט?

זיי זעצן זיך אריין אין בית המדרש און לערנען דארט. טראץ דעם וואס זיי ווייסן נישט מיט וואס זיי וועלן מכלכל זיין די משפחה אין דעם יום טוב פסח וואס קומט אן ביז געציילטע וואכן.

וואס טוט מען אין אזא צייט? וואס זענען די פלענער אויף ווייטער? ווען קומט פאר די נעקסטע מיטונג?

דער ענטפער איז: נישטא קיין פלענער און ס'נישטא קיין מיטונג.

וואס איז יא דא?

ס'דא עטליכע כולל יונגעלייט וואס זוכן א מקום תורה.

און דא קומט אונטער דער איש חיל ורב פעלים, הרה"ח מוה"ר שמואל זנוויל פאגעל הי"ו, און ער ווארפט זיך אריין אין די ארבעט. קודם כל שאפט ער א מקום וואו די אינגעלייט זאלן קענען זיצן און לערנען אומגעשטערט. די בני תורה ציען זיך אריין אין דעם בית המדרש "יד שמעון" וואס געפינט זיך אויף רח' פנינה. כאטש דאס פלאץ איז זייער קליין, דאך איז עס צוגעפאסט פאר דעם צוועק. ווייל מיר רעדן דאך דא נאך פון ווייניגער ווי א מנין אינגעלייט. און טאקע צוליב דעם קליינעם מספר לומדים, איז דאס פלאץ פאסיג, און ביז געציילטע טעג איז דא א "כולל" מיט אלע צוגעהערן.

ס'זאגט זיך אזוי גרינג "א כולל". אבער ווער וועט אויסהאלטן דעם "כולל"? ווער וועט זיך זארגן פאר די אינגעלייט און זייערע משפחות זיי זאלן האבן "מיט וואס שבת צו מאכן".

ס'נישטא קיין פלענער און נישטא קיין מיטונגען.

ס'איז אבער דא א הייליגע רצון צו שאפן א מקום תורה ריין פון יעדע סארט פרעמדע זאך, וואו אינגעלייט זאלן זיך קענען משלים זיין בתורת ה'.

דער עיקר פראגע איז: ביז דערווייל באשטייט דער "כולל" פון געציילטע אינגעלייט ממש, אחד בעיר ושנים במשפחה, און עס פארשטייט יעדער אז א "כולל", מיינט עפעס מער פון דעם מספר. אמת, די געציילטע בני הכולל זענען טאקע פון די מובחרים, די עידית שבעידיות, וואס זענען נישט בנמצא אין יעדן כולל, אבער דאך, מען וויל ס'זאל זיין ברוב עם, און ס'נאך דערווייל ווייט פון דעם.

אבער ווידער אמאל די זעלבע זאך: אן קיין חשבונות, און אן קיין פלענער. ס'דא א הייליגער רצון צו האבן א ריינעם מקום תורה, און אויף דעם גייט מען.

"פלענער", דאס לאזט מען פאר די ארכיטעקטן. בני תורה קוקן נישט אויף דעם. און דא דארף מען טאקע ארויסברענגען דעם פאקט, אז דער כולל איז געבויט געווארן דורך געציילטע גאר ערנסטע בני תורה, וואס תורתם אומנתם. און להם שיג ושיח מיט סיי וועלכע סארט פאליטיק אדער זייטיגע חשבונות. ס'האט זיך אנגעהויבן מיט גאר חשובע בני תורה, וואס האבן נישט געוואלט עפעס אנדערש ווי נאר האבן א מקום תורה. אן קיין שום זייטיגע כוונה. און דאס איז טאקע געווען דער סוד פון די הצלחה פון כולל.

אויך די עסקנים האבן עוסק געווען געווען אין דעם ענין גענצליך מיט א ריינע כוונה. ווען מען האט זיי פארגעהאלטן אז זיי זענען מקפה אנדערע. האבן זיי געזאגט פאר די רבנים, אז זיי זענען גרייט צו פארמאכן דעם כולל, אויב עס ווערט פארזיכערט אז יעדער אינגערמאן וועט האבן א מקום וואו צו לערנען. און אזוי ווי מען האט דאס נישט געקענט פארזיכערן, האבן די רבנים איינגעזען אז די עסקנים זענען גערעכט.

## דער מקום איז "צר מהכיל"

עס גייט א דורך א קורצע ווילע, ממש עטליכע וואכן, ס'איז הארט נאך פסח, און דער כולל קען מער נישט בלייבן אין יענעם בית המדרש וואו עס איז געווארן איינקווארטירט ביים אנהייב.

פארוואס קען עס מער נישט בלייבן דארט?

ווייל עס זענען צוגעקומען – אין די קורצע פאר וואכן, פון ראש חודש אדר, ביז ראש חודש אייר, ווען מען דארף אנהייבן דעם נייעם זמן אין כולל – א גרויסע צאל אינגעלייט. און דער מקום איז צר מהכיל. ס'איז א קליינער פלאץ, און אויב ביים אנהייב איז דער בית המדרש געווען "פונקט גוט" פארן כולל, איז עס איצט שרעקליך אויסגעוואקסן. אוממעגליך ווייטער צו בלייבן דא.

דעריבער מוז מען זוכן א נייעם ארט פארן כולל, און דאס איז נאך איידער עס איז געשאפן געווארן א סטאביליזירטע הנהלת הכולל, א מנהל הכולל, און א מקור הכנסה פארן כולל. נאך איידער מען האט געהאט צייט צו ווערן "ביזי" מיט דעם גשמיות'דיגן טייל פון כולל, איז מען שוין געווארן "ביזי" מיטן רוחניות'דיגן טייל פון כולל.

און ווי האבן מיר געזאגט פריער: נאך איידער מיר האבן געהאט צייט צו מאכן פלענער, האט מען שוין געמוזט טאן צו דער זאך.

באמת איז שוין יא עפעס געטאן געווארן בנוגע "פלענער".






# פיק חזו מאן גברא רבה קמסהיד עלן




ירושלימ׳ער כולל
מצוינים
ויואל משה
ד׳סאטמאר
בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א
אלקא דרבי מאיר עננו

כ״ק הגאון האדיר פוסק הדור מרן בעל שבט הלוי שליט״א שרייבט בכתי״ק א בקשה צו הנהלת כוללינו, אריינצונעמען זיינס א תלמיד אין אונזער הייליגן כולל, זייענדיג גוט באקאנט מיט דעם כתר שם טוב וואס דער כולל טראגט ב״ה

אין די פסח טעג איז פארגעקומען א מיטונג אין עיר התורה והחסד וויליאמסבורג, צווישן עטליכע עסקנים, וועלכע האבן דערהערט דעם רוף פון אחינו לדעה בעיר הקודש ירושלים, אז עס האט זיך דארט געשאפן - ממש ווי פון זיך אליין, בעל כורחם פון די לומדי הכולל – און מען דארף זעהן וואס מען קען זיי העלפן.

און דא דארף טאקע ארויסגעברענגט ווערן לשבח ולתהלה דעם ראש וראשון וועלכער האט זיך גלייך ביי דער ערשטער מינוט אריין געווארפן אין דער ארבעט, און טראץ דעם וואס מען האט נאך נישט געוואוסט אז דער כולל וועט זיין אזא סוקסעס, ב"ה, ס'נאך געווען גאנץ גרויסע חששות, דאך האט ער נישט געקוקט אויף גארנישט, נאר מיט א אמונה ובטחון, און מיט א עזות דקדושה זיך גענומען ארבעטן קעסל-כלים לטובת די בני תורה מבני ציון היקרים, וועלכע זענען אלע אויסגערופענע ערליכע אידן, און ביזן היינטיגן טאג טוט ער בלב ונפש, און שוינט נישט קיין מי און קיין צייט, און לייגט אריין גרויסע כוחות באגלייט מיט חכמה ודעת, ער איז א עושה ומעשה לכל עת וחפץ. הלא הוא אונזער באליבטער מנהל ויו"ר הנהלה אין אמעריקע, הרב החסיד המפואר, רבי חיים אליעזר גראס שליט"אץ



און מיט די צייט האט זיך גרופירט א גרופע יונגלייט און ענערגישע עסקנים וואס שטייען צו הילף פאר'ן מנהל הכולל על כל צעד ושעל דאס זענען הר"ר בערל ב"ר מרדכי ווייס הי"ו הר"ר ליפא בן הרב ר' אלי גרויס הי"ו הר"ר מרדכי אראן הי"ו הר"ר אברהם יואל לעפלער הי"ו הר"ר יואל גאנדל הי"ו וואס ווי באקאנט ביים ציבור אנ"ש דאהי זענען זיי עוסק במלאכת הקודש במסירות ונאמנות עד אין קץ.

הכלל, דער ערשטער מיטונג קומט פאר אין וויליאמסבורג, ווי עס איז באשלאסן געווארן אז מען וועט פון דאהי, פון ניו יארק, אויסהאלטן דעם כולל. דער "פלאן" איז געווען אז עס וועט זיין א כולל פון א פופצן יונגעלייט, און מען וועט איין מאל א יאר דורכפירן א געלט אקציע, וואס לויטן "פלאן" וועט אריין קומען כך וכך געלט. וואס דאס דארף זיין גענוג פאר די פופצן יונגעלייט במשך דעם גאנצן יאר.

אבער ביים אנהייב ערשטן זמן - דאס הייסט עטליכע טעג נאכן אנעמען דעם אויבן דערמאנטן באשלוס, האט מען שוין געזעהן אז דער "פלאן" ארבעט נישט, ווייל ס'שוין דא איצט מער ווי פופצן אינגעלייט, וממילא וועט מען מוזן טראכטן פון אנדערע "פלענער" ווי אזוי מכלכל צו זיין די בני תורה.

איצט איז געשטאנען פאר די אויגן פון די עסקנים אין ירושלים צוויי זאכן צו סאלוון: איינס, טרעפן א פאסיגן מקום תורה, וואו מען זאל קענען אנהייבן דעם נייעם זמן, מיט די פארברייטערטע רייען. והשנית, טרעפן א פארברייטערטע מקור הכנסה פאר די בני תורה וואס זענען זיך ממית באהלה של תורה. מען האט שוין געזעהן אז דער כולל וועט געברויכן מער געלט ווי מען האט ביים אנהייב געמיינט, אבער קיינער האט זיך נישט געראכטן אז עס וועט קומען עד כדי כך.

גלייך נאך פסח איז מען אריבער צו רח' עזרא 20 ווי מען האט געמיינט אז דא וועט מען קענען זיצן א לאנגע צייט, ווייל עס איז געווען א ברחבות'דיגער מקום. אבער רוח הקודש אומרת: כן ירבה וכן יפרוץ, און מיר האבן קורץ נאכדעם געמוזט זוכן א פריש פלאץ.

קוקנדיג אין אלע זייטן איז קלאר געווארן אז ס'איז נישטא קיין אנדערע ברירה נאר אז עס זאל זיך אפיר זוכן א נחשון, א עסקן בעל מסירות נפש וואס זאל אריין טאנצן אין די זאך, און ארויספארן קיין אמעריקע מעורר זיין נדבי עם זיי זאלן נעמען א טייל אין אויסהאלטן דעם מקום תורה וואס הייבט זיך ערשט איצט אן צו בויען, אבער ווי עס זעט אויס, וואקסט עס ווי "אויף הייוון" סיי בכמות, און סיי באיכות.

נו, ווער זאל זיין דער נחשון?

## פון א "שדכן" ווערט א "שדר"ן

היינט וועט אויף די שאלה ענטפערן יעדער איינער – אפילו קינדער אין די וויגן – דעם ריכטיגן ענטפער. אבער דאן איז די שאלה געווען "מרפסן אוגרא, ולית נגרא ובר נגרא דליפרקינא", ווייל דער מנהל הכולל שליט"א איז נאך דאן זעלבסט געווען א "כולל אינגערמאן", זיצנדיג אין כולל רמ"א על התורה ועל העבודה, זייענדיג פון די אריות שבחבורה, וועלכער האט ארויסגעשיינט מיט זיין געוואלדיגע התמדה. עס האט נאך קיינער נישט געוואוסט אז אט דער באשיידענער כולל אינגערמאן באזיצט אזעלכע גא-ט-געבענטשטע כוחות. זיין נאטירליכן הצנע לכת האט פארדעקט זיינע כחות.

און כאטש וואס ער איז מעודו געווען א עסקן פאר יעדע דבר שבקדושה, אבער פון ארויספארן קיין אמעריקע, און נעמען



געלט פון אידן, איז ער נישט געווען מלומד. דאך האט זיין פילבאר הארץ נישט געקענט צוקוקן ווי בני תורה האבן נישט לחם לאכול ובגד ללבוש, האט ער אוועק געקוקט פון זיין כבוד התורה, און ווען ס'געקומען די קריטישע מינוט, ווען מען האט געדארפט מאכן די דעציזיע: יא אדער ניין? האט ר' שמואל זנוויל נ"י געמאכט דעם ריכטוג'ן באשלוס אז: יא!!! מ'לאמיר זיך ארויס איבער די וועלט גלות ליידן.

נישט ווייל ס'האט אים געפעלט פרנסה. ר' שמואל זנוויל איז אויסער א וואוילער כולל יונגערמאן געווען אויך א גאר געלונגענער שדכן וואס פארדינט זיך זיינע פאר דאלער גאנץ ערליך, און ער מוז נישט ארויספארן קיין אויסלאנד – איבערלאזנדיג זיין משפחה אויף גאנצע לאנגע וואכן און מאנאטן – אבער ווי געזאגט פריער: ווען ס'איז דא א רצון צו א הייליגע זאך, איז נישטא קיין חשבונות און קיין פלענער. עס איז געבליבן אז ר' שמואל זנוויל וועט פון א "שדכן" ווערן א "שדר"ן" ("שליחא דרבנן").




און אין אמת'ן איז דער "פלאן" אין יענע טעג געווען, אז אזוי ווי די הוצאות פונעם כולל זענען זייער קליינע. ס'פעלט זיך אויס נישט מער ווי א פופציג טויזנט דאלאר א יאר, דעריבער וועט דער "שדר"ן" ארויספארן איין מאל א יאר, דורכפירן א גרויסע אקציע – מיט די הילף פון די הנהלה און עסקנים דאהי – און ס'וועט סטייען אויף א גאנץ יאר.

נו, איין מאל א יאר, איז דאך נישט געפערליך אז מען פארט קיין אמעריקע. און די איבעריגע צייט וועט ער ווייטער קענען זיין א פלייסיגער כולל אינגערמאן, כמקדמת דנא.

ר' שמואל זנוויל איז געקומען קיין אמעריקע און מען האט געמאכט א גרויסן געלט אקציע אין ספינקא זאל, וואו דער היימישער עולם האט זיך אנגערופן מיט גאר שיינע סכומים.

ר' שמואל זנוויל איז אהיים געפארן, און געברענגט געלט פאר די בני ענים, וועלכע זיצן אין לערנען מתוך הדחק. און אדאנק דעם האט מען געקענט צאלן ערליך דאס מאגערע געהאלט פאר די בני הכולל, יעדן ערב ראש חודש. ווי עס פירט זיך אין ארץ ישראל, אז מען צאלט אויפן חודש (נישט אויף די וואך).

ס'איז א דורך א גאנצער זמן, דער כולל האט באקומען א גאר גוטער נאמען אין שטאט, בעיקר – ברוחניות, אז דא לערנט מען פלייסיג, און עס ווערן געהערט שיעורים מזמן לזמן וואס ציען צו אסאך לומדי תורה אויך פון אנדערע ערטער. און סיי בגשמיות, אז מען צאלט ערליך, וואס טאקע א דאנק דעם האבן די בני תורה געקענט לערנען מיט הרחבת הדעת. און די ליסטע פון די וואס ווילן אריין גענומען ווערן אין כולל צום קומענדיגן זמן, האט אנגעהויבן צו ווערן גאנץ לאנג... סיי פון אינגעלייט פון אנדערע כוללים, וואס האבן דא דערזעהן א מקום וואו מען קען זיך משלים זיין אויף א געהויבענעם אופן. און סיי פון עטליכע נייע פריש-חתונה געהאטע אינגעלייט, וואס האבן איצט אנגעהויבן די ערשטע שריט פון זייער נייעם לעבן.

די הנהלה איז שוין געשטאנען פאר די הארבע פראגע: קענען מיר זיך ערלויבן אריין צו נעמען נאך אינגעלייט, אדער נישט? ווי ווייט זענען אונזערע מעגליכקייטן?

אבער דא איז ווידער אמאל גילטיג געווען דער אויבער דערמאנטער כלל: אן קיין פלענער און אן קיין חשבונות. מען טוט צו דער זאך, און מען פארלאזט זיך אויפן באשעפער.

און, דער כולל איז נאך מער פארברייטערט געווארן, מיט נאך און נאך געהויבענע בני תורה, וואס אין להם בעולמם אלא ד' אמות של הלכה בלבד.

און דער דריטער זמן פונעם 'כולל למצויינים', האט זיך אנגעהויבן מיט א פרישקייט. עס זענען נתרחב געווארן די גבולי הקדושה סיי בכמות און סיי באיכות.

און דאס אלעס: אן קיין פלענער און אן קיין חשבונות. ווייל די געשעענישן זענען געלאפן שנעלער ווי מיר האבן געקענט מאכן פלענער.

## מי שאמר לשמן וידלוק יאמר לחומץ וידליק....

און די פראבלעמען האבן זיך אנגעהויבן.....

צווישן די נייע תלמידי הכולל, זענען געווען עטליכע פרישע שנה ראשונה אינגעלייט, וועלכע האבן נאר וואס חתונה געהאט, און האבן אנגעהויבן פארצולייגן פארן מנהל הכולל שיחי', זייערע פראבלעמען.

דהיינו: עס איז אפיר געקומען אויף א שטארקן אופן דעם גרויסן פראבלעם מיט וואס אלע ערליכע תושבי ירושלים מוטשען זיך דערמיט, און וואס האט נאך פיל מער באטראפן אנ"ש.



און דאס איז: דירות.

עס איז פאר די הנהלת הכולל געקומען דער ווי געשריי פון אסאך אנ"ש, וועלכע שטייען הארט פארן חתונה מאכן קינדער, און זיי קענען נישט טרעפן א פאסיגן ארט צו וואוינען פאר זייערע קינדער.

דער פראבלעם איז א ברייט פארצווייגטער, און אנ"ש אין ירושלים עיה"ק האבן באשלאסן אז דער וואס האט זיך אונטערגענומען צו טראגן דעם כולל אויף זיינע פלייצעס, דער זאל זיך אונטערנעמען צו זארגן אויך פאר דעם ענין. (מי שאמר לשמן וידלוק יאמר לחומץ וידליק....).

אייגנטליך, וואס האט א מנהל הכולל צו טאן מיט שאפן דירות? איז ער דען א בוי אונטערנעמער?

דער ענטפער איז פשוט: ווער דען אויב נישט ער....

און דער מנהל פון כולל האט זיך גענומען צו דער ארבעט.

און אלעס: אן קיין פלענער און אן קיין חשבונות.

ווייל ווי קומט א "געוועזענער" כולל אינגערמאן, א ערנסטער יושב אוהל, צו קאנסטרוקציע און בויעריי? ס'דאך נישט זיין פאך. אבער אז ס'נישטא קיין ברירה, נעמט זיך ר' שמואל זנוויל אונטער אויך זאכן וואס "מען מיינט" אז ער קען נישט.

און ארויסגעוויזן האט זיך אז דאס איז געווען א טעות גמור!!! ער האט אויך דא סופרייזט דעם ציבור, וויזנדיג אז: דארט ווי ס'איז דא א הייליגער רצון, איז דא הצלחה און סיעתא דשמיא.

ר' שמואל זנוויל האט זיך אריין געווארפן אין דער ארבעט, און ער האט מצליח געווען למעלה מדרך הטבע צו טרעפן א מקום וואו מען זאל קענען בויען בעזר השם אכציג ניינציג דירות. פון וואו עס וועט ארויסשיינען דעם אור הקדושה והטהרה לתפארת בני ירושלים. עס וועט זיין א ווינקעלע וואו תלמידי וחסידי סאטמאר אין ירושלים עיה"ק וועלכע ווילן זיך האלטן צוזאמען בדרך הסלולה פונעם מייסד הקהלה מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, וועלן זיך קענען קלאמערן אין די ערליכע תורה, על דרך התורה.

ווער עס קען זיך אביסל אויס אין ירושלים עיה"ק, ווייסט וואס די דאזיגע ווערטער, "אכציג ניינציג דירות", באדייטן, און מיט וויפל ניסים

דאס קומט באגלייט.

צו טרעפן היינט צו טאג א ארט, אין געגנט ממש, וואו מען זאל קענען בויען אכציג ניינציג דירות, איז א בחינה פון "על מנת שתעלה לרקיע". גארנישט וויניגער.

עס רעדט זיך נישט נאר פון געלט, און אסאך געלט. נאר עס רעדט זיך פון דאס אומ-מעגליכע.

די גאסן פון ירושלים זענען איבערגעפילט מיט הייזער, וואס זענען געבויט גג על גבי גג, איינס אויפן אנדערן, און וואו ס'נאר דא א האלבע שטח, האט מען שוין פארבויעט מיט עטליכע בנינים. טא, ווי קען מען אפילו טראכטן פון טרעפן אן ארט אין געגנט?



אבער פונקט ווי מען האט נישט גע'חשבונ'ט פון וואנען מען וועט אויסהאלטן דעם כולל. פונקט ווי מען האט נישט געטראכט וואו מען וועט פלאצירן דעם כולל. און פונקט ווי מען האט נישט געטראכט וואס דער מארגן וועט ברענגען. נאר מען האט געטאן און הערשט דערנאך געטראכט...

אזוי האט מען אויך איצט געטאן.

קודם האט מען זיך גענומען זוכן, טראץ דעם וואס אלע יודעי דבר האבן געזאגט אז עס איז א תפילת שוא. און מענטשן מיט פיל מער געלט ווי אונז, זענען שוין דורכגעפאלן. ווייל ס'נישטא קיין איין איינציגער לאט אין גאנצן געגנט. און אפילו אויב איר וועט יא טרעפן עפעס, ווען מען אייך בעטן אזא פרייז וואס איר זענט נישט מסוגל צוצושטעלן.

אבער אז מען מיינט ערנסט, העלפט דער באשעפער. און מען האט געטראפן וואס מען האט געזוכט.

דאס פלאץ וואס מען האט געטראפן פארן שיכון, איז שוין היינט ברייט באקאנט פאר יעדן, אז דארט האבן אידן געהאט מיט אסאך יארן צוריק, גרויסן מסירות נפש מקדש השם צו זיין. און דעריבער איז דאס דער פאסיגסטער ארט פאר אונזער'ס א שיכון, וועלכע האט אויך דעם זעלבן ציל. מקדש שם שמים צו זיין בארצינו הקדושה.

און ווי גרויס וועט זיין דער פרייד, ווען מיר וועלן בעזר השם זוכה זיין לברך על המוגמר, ווען די ערשטע משפחות וועלן זיך אנהייבן אריין צו ציען אין דעם שיכון וואס מען בויעט פאר די שרידים אשר ה' קורא תלמידי וחסידי סאטמאר וועלכע קלאמערן זיך אין די דרכי התורה הצרופה לנו לויט די הייליגע הוראות פון מרן הק' בעל ויואל משה ודברי יואל זי"ע, און וועט פארשיינען א ליכטיגקייט אויף די הייליגע שטאט ירושלים.

א גרויסן ישר כח און הכרת הטוב קומט זיך פאר אונזער ידיד



וידיד נפש כל חי, איש חיל ורב פעלים אהער צו שטעלן דעם שיכון, א אבן יקר בעיר בארא פארק, הרה"ח ר' בנציון ווערצבערגער שליט"א, וועלכער איז אריין געטאן ראשו ורובו אין דעם סוקסעס פון אלע אונזערע אונטערנעמונגען און במיוחד די שיכון, פאר וועלכע ער גיט זיך אוועק בלב ונפש, סיי בממון און סיי בגוף ובעצה.

און לאמיר אויך דערמאנען אז אין דער זעלבער צייט וואס מען איז געווען פארטאן אין זוכן א פאסיגן פלאץ פאר א שיכון, זענען די אלע אנדערע אקטיוויטעטן נישט שוואכער געווארן. און בעיקר דער כולל, וואס דאס איז דער קרוין פון די אלע פעלות, איז געוואקסן יעדעס יאר מיט נאך און נאך ערנסטע בני תורה, און מען האט געדארפט זוכן פרישע מקורות הכנסה צו קענען דעקן די תמיכה זיי זאלן קענען זיצן אין לערנען. אזוי איז דער מקום תורה געוואקסן און געשטיגן – בכמות ובאיכות – מיט יעדן אפגעלאפענעם יאר.

## מיר דארפן אייך נישט האבן דא....

און איצט צוריק צום שיכון:

ווען מיר זאלן וועלן דערציילן וואס פאר א שווערעקייטן מיר זענען דורכגעגאנגען אין די פאר יאר, זינט מיר האבן אפגעקויפט דעם ארט, פאר א הון רב, ביז מיר זענען צוגעקומען ווי מיר האלטן היינט – אז מען האט שוין בעזר השם אנגעהויבן צו בויען דעם שיכון – וועט זיך פארניצן אסאך פארמעט און אסאך טינט, און אסאך פעדערן וועלן צובראכן ווערן.

עס איז לא יאמן כי יסופר וואס פארא שטיינער מיר האבן געדארפט דורכגיין.

דאס ווייסט יעדער אז די ביראקראטיע אין מדינת ישראל איז א גאר פארצווייגטע און פארפלאנטערטע, איבערהויפט ווען עס קומט צו בויען הייזער. מען דארף צושטעלן פאפירן אויף פאפירן, דאקומענטן און שריפטן, און נאך אמאל פאפירן און נאך אמאל דאקומענטן. די פארשידענע סדום-געזעצן וואס הערשט דארט, ווערט אויסגעניצט דורך יעדן באאמטן ארויס צונעמען דעם דם התמצית פון די בוי אונטערנעמער. יעדע ביורא באזונדער דארף וואס מער פאפירן, און דאס אלעס אויסער וואס עס קאסט צייט, קאסט עס אויך געלט.

דערצו דארף מען געדענקען אז די געביידע וואס מיר האבן אפגעקויפט איז געווען גערעצליך א "לענד מארק" וואס מען קען נישט רירן פון ארט. וואס דא קומט צו נאך שטרענגע געזעצן אויף וואס מען דארף זיך רעכענען.

דאס אלעס זענען די "נארמאלע" שטרויכלונגען וואס יעדער בוי אונטערנעמער דארף דורכגיין,. אבער ביי אונז איז צוגעקומען נאך ריזיגע שטיינער וואס "מען האט אונז געלייגט אין וועג", במכון, און בכוונה תחילה. די שטאט ראט האט געשטעלט ספּציעלע גרויסע שטיינער כדי דער כח הקדושה זאל זיך נישט "צופיל" פארשפרייטן. (ווי זיי האבן אונז געזאגט קליפ און קלאר). איין מאל האט אונז א הויכער באאמטער און די בוי אדמיניסטראציע געזאגט קלאר: מיר דארף אייך נישט דא, דעריבער וועלן מיר אייך לייגן וואס מער שטרויכלונגען אין וועג, כדי איר זאלט זיך אפטראגן פון דא!!!

דאס איז מבחוץ. און וואס טוט זיך מבית?... עס איז נישט קיין כבוד שמים צו דערציילן וואס אלס מיר האבן געדארפט דורכגיין, עס וועט אפשר זיין א זמן ווען מען וועט פראווען דעם חנוכת הבית, צוריק צוקוקן און דאנקען דעם באשעפער אויף די אלע אבנים וואס מיר זענען דורכגעגאנגען און וועלן דאן זאגן: עלי יניח צדיק את ראשו....

אין דער צווישן-צייט האט זיך שוין אויסגעפארעמט אין ניו יארק א גרופע עסקנים, וועלכע זענען זענען געשטאנען גרייט בכל עת ובכל שעה, פאר די אינטערעסן פון אנ"ש אין ארץ ישראל, און האבן מיטן גאנצן קאפ און מוח צו געהאלפן וואס מען האט נאר געקענט.

אזוי האט מען געקענט אויפהאלטן דעם כולל. ר' שמואל זנוויל האט שוין לאנג פארגעסן פון דעם תנאי אז ער בלייבט ווייטער אין כולל לערנען, און קומט ארויס בלויז איין מאל א יאר אויף צוויי וואכן. ער איז שוין געזיצן אין אמעריקע מער ווי אין ארץ ישראל.

ער האט פארלאזט זיין היים, זיין משפחה, זיינע קינדער, און האט זיך געוואלגערט אין דער פרעמד אפבערטענדיג אן אמת'ע גלות.

אבער ער איז נישט אפגעשוואכט געווארן דערוועגן. פארקערט ער איז געגאנגען מחיל אל חיל, און מוסיף געווען בעבודת הקודש, שאפנדיג גרויסע סכומים, וואס אדאנק זיין ערליכקייט און ערנסטקייט האט ער נושא חן געווען בעיני א' ואדם, און ער האט באוויזן אנווארעמען נדבי עם, וחפץ ה' בידיו הצליח למעלה למעלה.

## דער סימן איז: כ"ו ניסן, און כ"ו מנחם אב....

יארן זענען געלאפן, און דער כולל האט נישט אויפגעהערט צו וואקסן. יעדן זמן האבן זיך איינגעשריבן נאך און נאך אינגעלייט, און דער מקום תורה וואו דער כולל איז געווען סטאנציאנירט איז געווארן דער "היימישער ווינקל" פאר אלע אנ"ש. וועלכע האבן געזוכט אן ארט וואו צו דאווענען בשבת אחים.

דער כולל איז געווארן דער צענטראלער ארט וואו אנ"ש זענען זיך צוזאמענגעקומען בכל עת ועידן, פראווען די יומא דהילולא'ס, כ"א כסלו, און אזוי ווייטער. און עס האט זיך אנגעהויבן צו



בעזהשי"ת

# דברי אלוקים חיים

## מאת כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

### ביי פארשידענע געלעגענהייטן לטובת אונזער "ירושלים'ער כולל" כולל למצוינים ד'סאטמאר

...ארץ ישראל גבוה מכל הארצות ...ירושלים

איז קודש, **כולל ויואל משה**

**איז קודש קדשים.**

בעת הדינער השנתי
בארא פארק יצ"ו שנת תשס"ה לפ"ק

**...דאס איז היינט ביי אונז**

**צדקת רבי מאיר בעל הנס...**

בעת הדינער השנתי בוויליאמסבורג יצ"ו
מוצש"ק וירא תשס"ו לפ"ק

**...וככה נהגו אבותינו ורבותינו**

**מאורי הדורות נבג"מ,**

שהשתדלו בכל עוז להחזיק ישוב הישן של נקיי הדעת בירושלים.

מתוך מכתב קודש לרגל המגבית השנתי בקרית יואל תשס"ב לפ"ק

**...ואלקא דמאיר יעננו,**

להשפיע שפע ברכה והצלחה לכל העוזרים
והמסייעים בשפע ברכה והצלחה בחיי נחת וכט"ס.

מתוך מכתב קודש לרגל המגבית השנתי
בקרית יואל תשס"ב לפ"ק

...אין זכות פון אויפהאלטן לומדי תורה
אין ירושלים, וועט דאס משפיע זיין פאר
תומכי חוץ לארץ שפע ברכה והצלחה
מיט אלעם גוטן ...

בעת הדינער השנתי בוויליאמסבורג יצ"ו
מוצש"ק וירא תשס"ו לפ"ק

פאדערן מען זאל טרעפן אן ארט פאר א פאסיגן בית המדרש.

און ווער דארף טראגן דעם עול דאס צו טרעפן?

ר' ...... ..... ....... ...... הי"ו

ס'איז פאר קיינעם נישט קיין ספק, אויף וועמען'ס פלייצעס דאס איז ארויפגעלייגט געווארן.

דאס איז שוין געווען דאס דריטע עול וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף ר' שמואל זנוויל'ען און ער האט עס געהענדלט מיט גרויס סיעתא דשמיא.

מען האט געטראפן א פלאץ וואו מען קען שאפן א פאסיגן בית המדרש. און טאקע אינעם צענטער פון ירושלים עיה"ק. אין רחוב יונה. מען האט דעם בנין תיכף אפגעקויפט און געשאפן דארט א מקום וואו אונזער קהלה זאל זיך קענען איינקווארטירן.

מען האט דארט איינגערישט א פאראהאלטנס-מעסיג גרויס בית המדרש, עטליכע שטיבלעך לתפילה, א היכל הכולל, א תלמוד תורה, און א ישיבה קטנה, אין א מקוה. און די קהלה'ישע לעבן גייט אן לשם ולתפארת. אבער...



אבער עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיר קענען נישט רעכענען..

ווען מען האט גערעדט אז מען דארף זעהן צו טרעפן א מקום פאר א בית המדרש, האט מען גערעדט פון א בית מדרש'ל, וואס זאל סטייען פאר פיר פינף מניינים אידן. אבער ארויסגעשטעלט האט זיך אז איידער מען האט נאך געהאט צייט צורעכט מאכן דעם מקום, אלס א לייטישן מקום תפילה, האט מען שוין געדארפט האבן לכל הפחות א דאפלט גרויסן בית המדרש. ווייל דער ציבור האט זיך פארדאפלט אין געציילטע וואכן. און דער כולל איז זיך אויך צעוואקסן, און מען האט אויך אנגעהויבן צו פילן אז מען דארף שאפן א תלמוד תורה, און א ישיבה קטנה, אזוי אז דער מקום איז געווארן אויסגעוואקסן, נאך איידער מען האט געהעריג אריין געמופט אהין. (דעם פאראגאנגענעם ערב סוכות איז געווארן פיר יאר זינט מען האט זיך אהין אריין געצויגן, און דער מקום איז שוין לאנג נישט פאסיג פאר אונזערע געברויכן). טא, וואס טוט מען?

איז באשלאסן געווארן אז מען דארף דעם מקום אויסברייטערן, און עס איז אפגעקויפט געווארן דער דערנעבנדיגער שטח. וועלכע וועט אונז געבן די מעגליכקייט זיך אויסצוברייטערן אויפן זעלבן מקום ווי מיר זענען איצט. מען וועט מרחיב זיין די גבולי הקדושה אויפן זעלבן ארט, מיטן ארויסבויען, אדער, בעססער געזאגט: מיטן בויען א גרויסן בנין וואס וועט סטייען פאר אלע געברויכן.

וואס דאס איז אויך א חסד השם אז מען האט געטראפן א פלאץ, וואס דאס דערנעבנדיגער בנין איז אויך געווען צום פארקויפן. און ר' שמואל זיינוויל דערציילט מיט התפעלות אז ביז מען האט באוויזן צו ענדיגן דעם מקח איז מען דורך שווערע מכשולות. ווייל דער שכן האט דאך געוואוסט אז מיר מוזן האבן דאס פלאץ, על כן קען מען דאך בעטן א "גוטן" פרייז, און מיר האבן זיך געדינגען א לאנגע צייט. עס האט אויסגעזען אז עס גייט דרוכפאלן, און כ"ו ניסן, די ערשטע יארצייט פון מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע, האט אונז אנגערופן דעם מוכר אז ער איז גרייט צו פארקויפן דעם ארט לויט אונזער פרייז. און אנדערהאלבן יאר שפעטער, כ"ו אב האט מען באקומען די שליסלען.

פון דעם האב איך געזען א סימן, זאגט ר' שמואל זנוויל, אז אונזערע הייליגע רבי'ס זי"ע, האבן מן השמים מיטגעהאלטן אונזערע שווערעקייטן, און מתפלל געווען פאר אונזער הצלחה, בעזר השם. און זיי ווילן אונזער הצלחה, עס איז א נייחא לנשמתם אז מיר זענען עוסק אין מנציח זיין שמם הקדוש אויף אונזערע מוסדות.

היינט צו טאג איז דער גאנצער שטח ארום און ארום אין די הענט פון הנהלת קהלתינו הקדושה אין ירושלים עיה"ק. און דער עקזעסטירנדער בנין מיטן ניי אפגעקויפטן שטח האט אונז שוין געקאסט פינף מיליאן דאלאר, און מיר ווארטן אז די פארמאליטעטן און לעגאליטעטן זאלן אויסגעארבעט ווערן. און אין דער מינוט וואס דאס וועט זיין גרייט, וועט מען זיך, אי"ה, נעמען בויען דעם גרויסן בנין, א בית גדול לה' ולתורתו הק' וואס וועט קאסטן נאך פינף מיליאן דאלאר, און וועט דינען אלס א צענטראלע פאר סאטמאר'ער חסידים אין ירושלים און וועט בעז"ה אנטהאלטן אין זיך דעם ריזיגן ביהמ"ד לתפילה און ריזיגער היכל התורה וואס וועט אויך דינען אלס היכל הכולל א מקוה טהרה, א גרויסער עזרת נשים; א שיינער גרויסער שמחה זאל וואס וועט בעזהשי"ת דינען אלס מקור הכנסה פאר'ן כולל און פאר די קהלה, און אלעס וואס עס פעלט זיך נאר אויס פאר א קהלה קדושה. אויך וועט דער בנין דינען אלס צענטראל פאר די גאנצע נעץ פון מוסדות סאטמאר ירושלים וואס האט שוין געעפנט אירע טויערן און גייט ב"ה מחיל אל חיל

און דא איז טאקע דאס ארט אפצוגעבן א דאנק מעומק הלב בשם כל אנ"ש, פאר די חשובע הנהלה אין ניו יארק, סיי די הנהלה פונעם כולל, און סיי די הנהלה פון דעם שיכון, און פון דעם בית המדרש הגדול. די וועד קרן הבנין,



וועלכע זענען מפקח אויפ'ן גאנג פון דעם בנין בית מקדש מעט. דער וועד באשטייט פון גאר חשוב'ע בעלי בתים נכבדים, נאמנים וישרים וועלכע פירן דורך זייער עבודת הקודש בנאמנות יתירה. ה"ה: בראש ובראשונה, הרה"ח ר' שאול פריעדמאן הי"ו יו"ר הוועד, זון פון הרה"ח המרומם ר' ישכר דוב (בערל) הי"ו ראה"ק. אן אייניקל פון דער לעגענדארער און אומפארגעסליכער יד ימינו פון רביהקוה"ט זי"ע, הלא הוא: מוהר"ר ליפא פרידמאן ז"ל, וועלכער איז געשטאנען ביי די וויגעלע פון סאטמאר, און האט עס געהאלפן גרינדן און פירן פאר לאנגע יארן. און עס איז א שטאלץ און א פרייד פאר סאטמאר אז זיינע קינדער און אייניקלעך גייען אין זיינע פיסטריט און בויען ווייטער די הייליגע בנינים וואס ער האט געהאלפן שאפן, עס זאל זיך ווייטער ציען די גאלדענע קייט : הרבני הנגיד ר' יצחק ראזענבערג הי"ו סגן ראה"ק: הרה"ח חיים אליעזר גראס הי"ו: הרה"ח מנחם גרשון לעבאוויטש הי"ו: הרה"ח שלמה יעקב מערץ הי"ו: הרה"ח ישראל וויזענפעלד הי"ו: הרה"ח יחזקאל בערגער הי"ו (וועלעכער פירט אן די טאג טעגליכע אקטיוויטעטן ארום דעם ריזן בוי ארבעט פון דעם בנין הביהמ"ד אין וועלכע ער לייגט אריין כל כוחו ונפשו, ויתברך בכל הברכות): הרה"ח אליקים פישער הי"ו: הרה"ח אברהם יואל לעפפלער הי"ו:

די חברי וועד קרן הבנין האבן שוין אריינגעלייגט גרויסע כוחות פאר דעם נייעם בית מקדש מעט. עס איז שוין געשאפן געווארן גרויסע סכומים בראש לאמיר דערמאנען האחים הנגידים המפורסמים ר' יצחק הי"ו און ר' אברהם יודא ראזענבערג הי"ו, די נחשונים לדבר מצוה, וועלכע האבן אפגעקויפט דעם זכות הבנין פאר א סכום עצום און דערמיט קונה געווען קנין עולם אז דער זכות שם הבנין וועט ווערן נקראת על שמם.

און אזוי אויך אנדערע נדבי עם וואס האבן געקויפט זכותים פאר זייערע עלטערן ז"ל, און אזוי ווייטער. אבער פון די אנדערע זייט פעלט זיך נאך אויס סכומים עצומים אז מען זאל קענען אויפבויען דעם ריזן געביידע, דאס איז א געלעגנהייט פאר די וואס ווילן נאך קויפן זכותים, און ביהמ"ד אין די תלמוד תורה אדער אין ישיבה קטנה אדער מנדב זיין באשטימטע חפצים.

## א סימן אז די האסט געהאט גרויס פראטעקציע...

אום פסח תשס"ח האבן זיך צוועלף אינגעלייט פארהערט די הוראה, ביי די רבנים הגאונים הצדיקים חברי הבית דין צדק דקרתא דירושלים שליט"א, וועלכע זענען ארויס פון התפעלות פון זייערע ידיעות און בקיאות. ווען יעדער סעיף קטן און יעדער פרי מגדים איז

שגור על לשונם.

צווישן די חברי הנהלת הכולל איז באשלאסן געווארן אז די צוועלף חשובע בעלי תריסין, זאלן זיך ווידמען צו וואקסן מורה הוראה בישראל, וואס זאלן שטיין צום דינסט פונעם ציבור. און כדי דאס צו דערגרייכן האט מען געשאפן א פרישן כולל אויף ביינאכט, א "כולל לרבנים", וואו די לומדים זאלן זיך משלים זיין אין אלע מקצעות וואס א דיין ורב בישראל דארף צו קענען. וואס דאס איז א פרישע הוצאה וואס איז געפאלן אויף. ... (דאכט זיך אז עס איז שוין איבעריג צו זאגן וועמען מען מיינט).

בינו לבינו וואקסט די קהלה קדושה, בכמות ובאיכות. דאס בית המדרש "ברך משה" (די ערשטע בית המדרש על שמו פון רבין זי"ע), ווירבלט מיט שיעורי תורה, די מנינים לתפילה בוקר וערב ווערן וואס אמאל געדעכטער, און מען דארף צושטעלן נאך און נאך מקומות תפילה. די מקוה מפוארה הייבט שוין אן צו דינען דעם ציבור אין די פריע פארטאג'ס שעה'ן, ווען די ערשטע לומדי תורה קומען מעורר זיין דעם שחר. און די דערהויבענע מסיבות ביי יעדע יומא דפגרא'ס, זענען ווי א קוואל פון חיות דקדושה פארן גאנצן ציבור.

די אינגעלייט האבן א צמאון לדבר השם, האט מען מיט די הסכמה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אויפגענומען א חשובן דיין, הגה"צ פרי ען חיים, מוה"ר משה טייטלבוים שליט"א, וועלכער שמ'ט אלס גאון בתורה ויראה טהורה. וואס בנוסף צו נאך עטליכע מורה הוראה'ס שע"י קהלתינו הקדושה, שאפן זיי די תורה'דיגע הנהגה וואס איז די וועג ווייזער פאר יעדן פרט ופרט אינערהאלב קהלתינו הקדושה.

דאס זעלבע איז מיט די "התאחדות האברכים", און די יסודי התורה שיעורים וואס גייט אן כמתכנתו וכהלכתו. און עס האט זיך אנגעהויבן צו פילן א צורך פאר מוסדות הקדושים.

און פונעם טראכטן ביזן טאן האט נישט געדויערט קיין סאך. מען האט אנגעהויבן צו רעדן אז "מען וואלט ווען געדארפט" זעהן אנצוהייבן מיט א תלמוד תורה. און ביז געציילטע טעג איז די תלמוד תורה געווען א געשענער פאקט.

עס איז נאך היינט א קליינע מוסד, מיט נישט מער ווי צוויי הונדערט קינדער, אבער דעם איכות איז משופרא דשופרא דקרתא קדישא. עס האלט שוין ביי דעם, אז פרעמדע אידן, נישט דוקא סאטמארע חסידים, רייסן זיך אריין צו געבן זייערע קינדער אין די תלמוד תורה. ס'דא א לאנגע ליסטע פון אידן וואס בעטן זיך מען זאל זיי אריין נעמען, אבער מען מוז זיי אפזאגן.

עס דרייט זיך א מאמר אין די גאסן פון ירושלים, אז אויב ס'געלונגט פאר איינעם – נישט מאנ"ש – אריין צו לייגן זיינע קינדער אין אונזערע מוסדות, מוז זיין אז ער האט געהאט גאר גוטע פראטעקציע.




## סך הכל:

אז מען מאכט זיך א חשבון נאך צען יאר, פון וואנען מען האט אנגעהויבן מיטן בויען א ציגל צו א ציגל - אגב, דא איז געווען דאס איינציגסטע פלאץ וואו אנ"ש האבן געמוזט אנהייבן פון אלף, פון דעם יסוד, פון ערשטן ציגל, אדער פון נאך פריער, פונעם פודאמענט. אנהייבן ביים ערשט שריט, און גיין געלאסן טריט ביי טריט. ביז מיר זענען אנגעקומען וואו מיר האלטן ב"ה איצט. און מיטן אייבערשטנס הילף גייען מיר ווייטער – ביזן היינטיגן טאג, ווען עס איז אפגעראכטן געווארן אזא געהויבענע חודש תשרי העעל"ט, בראשות פנעם דיין שליט"א, וועלכער האט אויפגעהויבן דעם ציבור, בדרכי רבותינו הקדושים, ואבותיו הקדושים זי"ע, קען מען זאגן: "מען האט אנגעהויבן אלס א 'בדעיבד', מען האט אנגעהויבן מיטן כולל ווייל מען האט נישט געהאט קיין ברירה. מיר זענען געצווינגען געווארן דערצו. און מיר זענען אנגעקומען אין קנאפע צען יאר צו א 'לכתחילה שבלכתחילה'. בעזר השם יתברך.

מיר האבן ב"ה דערלעבט אז די קהלה קדושה, וועלכע איז דאס סאמע צענטער פונעם חיות אין ירושלים עיה"ק, אנטהאלט אלסדינג וואס א קהלה דארף האבן. צו דאס איז: א הערליך שיינעם בית המדרש, פארשידענע שיעורי תורה, א תלמוד תורה, א ישיבה קטנה, דרשות חיזוק והתעוררות וואס קומט פאר פון צייט צו צייט. און ועל כולם דער גולת הכותרת פון די קהלה, דער שוין היינט וועלט-באקאנטער "כולל למצויונים" וועלכער פארשיינט די ירושלימער האריזאנט מיט א הייליגן שיין, און איז דער שטאלץ און גלאנץ פון די קהלה קדושה. דאס אלעס הייבט די געפילן און ברענגט אריין א געוואלדיגע התרוממות בקרב אנשי שלומינו שיחי', וועלכע זענען פון די מובחרי ופארי תושבי ירושלים של מעלה.



די פארשידענע מעמדים און יומא דפגרא'ס וואס מען פראוועט אויף א דערהויבענעם אופן בקרב קהילתנו, דאס גיט צו אסאך חיות און חיזוק פארן גאנצן עולם. שוין אפגערעדט די גרויסע טעג וואס מיר האבן זוכה געווען מיטצולעבן ביי דעם געהויבענעם באזוך וואס דער רבי שליט"א האט אפגעראכטן אין ירושלים עיה"ק, ווען עס איז פארגעקומען דער מעמד אבן הפינה פארן נייעם "שיכון קרית יואל" די ערשטע באזוך אין די הייליגע שטאט ירושלים זינט די פטירה פון אביו הגדול מרן הגה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זי"ע, ווען דער רבי'ן שליט"א האט משפיע זיין מהוד קדושתו אויף די בני ירושלים, און גאנץ הויפנ'ס חיזוק ועידוד פאר די ברכיים אשר לא כרעו לעגל הציוני, די לוחמי מלחמת ה' וועלכע שטייען אויפן פראנט לוחם צו זיין דעם מלחמה לה' בעמלק מדור דור לויט די הייליגע יסודות הדת המקובל מבית מדרשו פון מרן הק' מסאטמאר זי"ע.

אויסער דעם האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברי חיזוק ומוסר לימי חודש אלול והכנה לקדושת ימים הנוראים. ווער שמועסט נאך פון די גאר דערהויבנעם שב"ק במחיצתו פון רבי'ן שליט"א בחוצות ירושלים, מיט די השתתפות פון רבבות אלפי ישראל וועלכע זענען געקומען לחסות בצל הקודש פון דעם צדיק כתמר, פון ארום גאנץ ארץ ישראל און גלייכצייטיג אנשעפן ממעיין תורתו דברי אלקים חיים ביומא דנשמתא.

די ליכטיגע טעג בצילא דמהימנותא צוזאמען מיט רבינו שליט"א ווען ער האט באזוכט בארה"ק, האט אריין געבלאזן א געוואלדיגן דערהויבנקייט אין יעדן איינעם מאנ"ש.

## מהיכן "ירק" זה חי?

ווען די עסקנים מאכן זיך א סך הכל פון די פארגאנגענע צען יאר, שטייען זיי און שטוינען. זיי פרעגן זיך די פראגע: פון וואנען האבן מיר זיך גענומען די חוצפה אריין צושפרינגען אין אזעלכע ריזיגע פראיעקט, אין דער צייט וואס מיר האבן געוואוסט ווי באגרעניצט אונזערע קרעפטן זענען?

אמת, דער עול הכספי פונעם "כולל" האט אויסגעזען פון אנהייב צו זיין א "קלייניקייט", ס'האט זיך גערעדט פון צוויי אדער דריי צענדליגע אינגעלייט, האט מען גערעכנט אז דער עול איז נישט צו גרויס, און אחינו בני ישראל בארה"ב וועלן שוין נושא בעול זיין. הגם, היינט צוטאג האט זיך דער כולל צעוואקסן אין באשטייט היינט פון אריבער זיבעציג חשובע אינגעלייט, מסלתה ומשמנה פון ירושלים עיה"ק, יעדער איינער איז א געקליבענער אתרוג פאר זיך. עס איז זיך צעוואקסן בכמות און אויך באיכות. היינט איז דאס אליין א גרויסער עול פון ארום זיבן הונדערט טויזנט דאלאר א יאר. און עס איז איבעריג צו זאגן, אז עס גייט נישט אזוי לייכט. עס איז א שווערער עול אויף די עסקנים.

איז אין הכי נמי, אז מען האט געמיינט אז דער כולל וועט נישט אריין ציען אין אזא גרויסן בודזשעט, אבער ווען עס איז



געקומען צו קויפן דעם גרויסן "עדיסאן געביידע", וואו מען בויט שוין איצט דעם שיכון מיט די אכציג דירות. פון וואנען האט זיך געקומען צו אונז די דרייסטקייט דאס צו טאן?

דאס קען מען אפשר פארענטפערן אז מיר האבן דאס געטאן וויסנדיג אז, ווי נישט ווי, וועט מען דאך פארקויפן די דירות, און די איינוואוינער וועלן לייסטן א גרויס חלק פון דעם געלט.

אבער לאמיר אריין טראכטן: ווען מען האט אפגעקויפט די בית המדרש געביידע אויף רחוב יונה. און ווער שמועסט נאך ווען מען האט צוגעקויפט דעם דערנעבנדיגע געביידע, וואס זאל צוזאמענגעשמאלצן ווערן מיטן בית המדרש און שאפן א צוועלף אהאלב טויזנט סקווער פיס, א פראיעקט. וואס גייט אפקאסטן די סומע פון עלף, ביז צוועלף מיליאן דאלאר. פון וואנען האבן מיר גענומען די אונטערנעמונגס-קראפט דאס צו טאן?

און קיין ענטפער איז נישטא.

איין זאך וואס זיי זאגן יא: א פאקט איז אז מיר האבן שוין באצאלט מער ווי די העלפט פונעם סכום. און דער זעלבער וואס האט געהאלפן ביז אהער, דער וועט ווייטער אויך העלפן.

אמן כן יהי רצון.

אבער אז מען קוקט זיך אריין אביסל טיפער, זעהט מען נאך מער די חסדי השם עלינו. ווייל היינט צו טאג, ווען אויך דער כולל איז זיך צעוואקסן און געווארן א ריזן אונטערנעמונג, שטעלט זיך די פראגע: מהיכן ירק זה חי? פון וואנען נעמט זיך יעדעס יאר די זיבן הונדערט טויזנט דאלאר פארן כולל?

די פראגע איז א הארבע און דער ענטפער איז איין זאך: אויסטערלישע סיעתא דשמיא. קיין אנדערע ענטפער איז נישטא אויף דעם.

## א ווארט פונעם מנהל שליט"א

און ווען מען שטעלט פארן מנהל הרב ר' שמואל זנוויל'ען די נאטירליכע פראגע: ר' שמואל זנוויל זיסער, זאג'זשע מיר נאר: איך זעה אז דער שיכון האלט זיך שוין ב"ה אין מיטן בויען. דאס בית המדרש הגדול מיטן גרויסן בנין וואס זאל זיין דער צענטראלער מקום פאר אלע אקטיוויטעטן, ווארט אויף דעם פערמיט כדי מען זאל אים קענען אנהייבן צו בויען. דער כולל באשטייט פון אריבער זיבעציג געהויבענע בני תורה, וואס דאס אליין קאסט אפ ביי זיבן הונדערט טויזנט דאלאר א יאר. על כן: וואס זענען די פלענער אויף ווייטער?

ענטפערט ער בנועם שפתיו: פלענער? מיר האבן נישט קיין



צייט צו מאכן פלענער, ווייל מיר זענען אויסשליסליך פארנומען מיט בויען, קויפן, שאפן געלט, שאפן די נויטיגע פאפירן אז מען זאל קענען בויען, און וואס שנעלער אנהייבן צו בויען דעם בית המדרש הגדול. וואס וועט אי"ה זיין א פראכט פון א בית המדרש.

אבער מיר קענען אייך פארשפרעכן, אז אן קיין פלענער וועט אי"ה זיין און די נישט ווייטע טעג, א ישיבה גדולה, א מיידל שולע, א גמ"ח צו העלפן דעם עולם ביים חתונה מאכן, וכדומה.

מיר מאכן נישט דערויף קיין פלענער, אבער עס וועט אי"ה זיין.

און ווען מען פרעגט אים: וואס האסטו צו זאגן צו דעם וואקס פון די קהלה. האסטו אמאל גע'חלום'ט אז דאס וועט זיך בויען אזוי שנעל?

אנשטאט אן ענטפער נעמט ר' שמואל זנוויל ארויס א תנ"ך, ער מישט אויף אין ספר איוב, און ער צייגט אן דעם פסוק: וְהָיָה רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאֹד" (איוב ח').

און ער איז נאך מוסיף מיט א הייליגן ברען: דאס אלעס וואס איר זעהט דא, איז למעלה מדרך הטבע. ס'איז אלעס א וואונדער פון באשעפער. און איך האלט אז דאס אלעס האט אונז דער באשעפער געשאנקען בלויז דערפאר ווייל מיר האלטן אויס דעם כולל. אלע הצלחות וואס מיר האבן ב"ה געהאט אין די פארגאנגענע יארן, איז געקומען א דאנק איין זאך: ווייל מיר האבן מסירת נפש פארן כולל. דער כוח התורה פונעם כולל איז אונז בייגעשטאנען אז מען זאל האבן הצלחה אויך אין שיכון, און אויך ביי דעם בנין אויף רח' יונה. און אזוי ביי יעדע זאך. נאר דער זכות התורה פונעם כולל איז אונז בייגעשטאנען. (און דא וויל איך אויסניצן די געלעגנהייט און זיך באדאנקען פאר מיין געטרייער מיטארבעטער, האברך החשוב, מפארי אברכי סאטמאר אין קרית יואל, מוה"ר אהרן שווארץ הי"ו, וועלכער איז עוסק יומם ולילה צו שאפן געלט פארן כולל. ווען נישט אים, וואלט מיין ארבעט געווען פיל שווערער. זאל אים טאקע דער באשעפער באצאלן בכפלי כפלים).

צוריק צו אונזער ענין:

דער בריח התיכון פון די שיינע ערליכע קהלה איז: דער כולל!!!! אדאנק דעם איז דא א ביהמ"ד, א דאנק דעם איז דא א מקוה, א תלמוד תורה, א ישיבה קטנה, און אדאנק דעם ווערט געבויעט דער שיכון. און עס וועט אי"ה געבויט ווערן דער גרויסער בית המדרש און אלע צוגעהערן ארום און ארום.

דער כולל איז "כולל" אין זיך אלע זאכן.

דעריבער בעט איך טאקע אלע פריינט פון אונזער קהלה: נא ונא, בכל לשון של בקשה, שטרענגט אייך אן און גיט א שיינעם סכום אז די בני תורה זאלן קענען ווייטער אויך לערנען די תורה. גיט לכל הפחות צוויי הונדערט און פופציג דאלאר, און האט א חלק אין די הייליגע ריינע תורה וואס אריבער זיבעציג לומדים לערנען מתוך הדחק.

קויפט אייך איין גרויסע זכותים, און האט'ס כל מיני ישיעות ורפואות, הצלחה וסיעתא דשמיא, וכל מילי דמיטיב.





# בפלטרין של מלך

## אין צענטער פון ירושלים עיה"ק

ווערט געבויט די קריי' נאמנה
וואס וועט אי"ה מקדש זיין
שם שמים בכל העולם כולה



# יסוד היסודות

דער "יסוד" פון די נייע קריי'
ווערט איצט געבויט

דער "יסוד" פון אונזער גאנצע קהלה
**איז דער**
**הייליגער כולל**

## דער "יסוד" פונעם כולל איז אייער ווארימע שטיצע

בס"ד

ירושלים'ער כולל
מצוינים
ויואל משה
ד'סאטמאר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
אלקא דרבי מאיר עננו

# יערליכע אקציע




פאר בלויז
**$250**
קענט איר אפקויפן דעם זכות
## תומך הכולל

## א' תולדות
ביהמ"ד בית חי"ל - בנין הילמאן